# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................6:43
מוצאי שב"ק..................8:15

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.....................מלכים-ב א'-ב'
בבלי......................סנהדרין פ"ח
ירושלמי.............מועד קטן א'
תוספתא.....................תענית ג'
רמב"ם.......................כלים ח'


*פרשת כי תשא, שושן פורים, שנת תשפ"ה לפ"ק*

*שנה 14, גליון 24 (692)*


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וְהַלֻּחֹת מַעֲשֵׂה אֱלֹקִים הֵמָּה, דִי לוּחוֹת זֶענֶען דִי זַאךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. ווִי רַשִׁ"י זָאגְט, כְּאָדָם הָאוֹמֵר לַחֲבֵרוֹ כָּל עֲסָקָיו שֶׁל פְּלוֹנִי בִּמְלָאכָה פְּלוֹנִית, כָּךְ כָּל שַׁעֲשׁוּעָיו שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בַּתּוֹרָה, ווִי אֵיינֶער דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער אַ צְוֵוייטְן אַז יֶענֶעמְ'ס גַאנְצֶע זַאךְ אִיז אַ גֶעווִיסֶע סָארְט בַּאשֶׁעפְטִיגוּנְג, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דִי גַאנְצֶע זַאךְ אוּן גֶעשְׁמַאק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה .

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כח), עֶס אִיז גוּט אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל דוּרְכְלֶערְנֶען אַלֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס זֶענֶען דָא, עֶר זָאל דוּרְכְלֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט בַּיי דִי גְרוֹיסֶע שָׂרִים וָואס פָארְן אַרוּם דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, זֵיי גֶעבְּן אוֹיס אוֹיף דֶעם זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלְט, אַלְץ נָאר כְּדֵי זֵיי זָאלְן זִיךְ קֶענֶען נָאכְדֶעם בַּארִימֶען פַאר אַלֶעמֶען וואו זֵיי זֶענֶען אַלְץ גֶעוֶוען, עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין וַוארְשָׁא, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אִין אַנְדֶערֶע שְׁטֶעט. דִי זֶעלְבֶּע דַארְף אַ אִיד לֶערְנֶען אַלֶע סְפָרִים, אַז עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען בַּארִימֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אַז עֶר הָאט אַלֶעס גֶעלֶערְנְט, עֶר אִיז גֶעוֶוען אִיבֶּערָאל.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס וֶועט קֶענֶען זָאגְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין מְדִינַת 'בַּבְלִי'", "אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין מְדִינַת 'יְרוּשַׁלְמִי'"; אוּן אוֹיבּ דוּ בִּיסְט נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ גַאנְץ יְרוּשַׁלְמִי, זֶענֶען אָבֶּער דָא שְׁטֶעט, גַאסְן אוּן הַייזֶער, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, "אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין אַ שְׁטָאט (מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת) פוּן מְדִינַת יְרוּשַׁלְמִי"; "אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין אַ גַאס (אֵיין בְּלַאט), פוּנֶעם שְׁטָאט (מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת) אִין 'מְדִינַת יְרוּשַׁלְמִי'"; "אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין אַ הוֹיז (אַפָּאר שׁוּרוֹת), פוּנֶעם גַאס (בְּלַאט), פוּנֶעם שְׁטָאט (מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת), פוּן 'מְדִינַת יְרוּשַׁלְמִי'". אַזוֹי וֶועט זִיךְ יֶעדֶער קֶענֶען בַּארִימֶען מִיט זַיינֶע שִׁיעוּרִים וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אִין יֶעדְן סֵפֶר.

ווִי שֵׁיין וֶועט זַיין וֶוען אֵיינֶער וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, וֶועט זִיךְ קֶענֶען בַּארִימֶען, "אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה, נְבִיאִים וּכְתוּבִים, שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, בַּבְלִי, יְרוּשַׁלְמִי, תּוֹסֶפְתָּא, רַמְבַּ"ם, טוּר, שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אַלֶע מֶדְרָשִׁים אוּן זוֹהַר; אִין תִּיקוּנֵי זוֹהַר בִּין אִיךְ גֶעוֶוען גָאר אַסַאךְ, דָארְט הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט אַ בַּאזוּךְ יֶעדֶע חוֹדֶשׁ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אוֹיךְ אִין כָּל סִפְרֵי רַבֵּינוּ וְכוּ' וְכוּ'", דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אוֹיבְן אִין הִימְל.

אֲפִילוּ מֶען גֶעדֶענְקְט נִישְׁט וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט, זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם) אַז אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט דֶערְמַאנְט מֶען פַארְ'ן מֶענְטְשׁ אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אוֹיף דִי וֶועלְט. אוּן אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט זָאגְן דִי פּוֹסְקִים (שֻׁלְחָן עָרוּךְ הָרַב, הִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה, פֶּרֶק ב, הֲלָכָה יג) אַז אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט לֶערְנֶען מִיט דִי נְשָׁמָה, וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט אוֹיף דִי וֶועלְט אָן פַארְשְׁטַאנְד.

אִיךְ זָאג אַלְץ פַאר בָּחוּרִים וָואס קוּמֶען מִיר זָאגְן אַז אַ חַבֵר אָדֶער אַ מַגִּיד שִׁיעוּר הָאט אִים גֶעווִיזְן אַז אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ הָרַב הִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה (שָׁם) שְׁטֵייט דֶער שִׁיטָה פוּנֶעם מָגֵן אַבְרָהָם (אוֹרַח חַיִּים סִימָן נ, סְעִיף קָטָן ב') אַז מֶען אִיז נִישְׁט יוֹצֵא בַּיי 'תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה' אוֹיבּ מֶען זָאגְט אָן פַארְשְׁטַאנְד; עֶר הָאט דִיר גֶעווִיזְן אַ שְׁטִיקְל שֻׁלְחָן עָרוּךְ הָרַב, זָאל עֶר דִיר וַוייזְן דֶעם גַאנְצְן שְׁטִיקְל, מֶען קֶען דָאךְ נִישְׁט קוּקְן נָאר אַ הַאלְבֶּע שְׁטִיקְל, זָאל עֶר דִיר וַוייזְן וָואס עֶר שְׁרַייבְּט דָארְט דֶערְנֶעבְן (סְעִיפִים י, וי"ג) אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל כָאטְשׁ אֵיין מָאל אִין לֶעבְן דוּרְכְזָאגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, אַזוֹי וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין אוֹיבְן אִין הִימְל וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט לֶערְנֶען מִיט זַיין נְשָׁמָה.

זָאג כָאטְשׁ אֵיינְמָאל דוּרְךְ דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, אַז מֶען אִיז זִיךְ מְסַדֵּר אַ סֵדֶר ווִיפִיל צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג קֶען מֶען דָאס בַּאוַוייזְן, מֶען קֶען אִין צְוֵויי דְרֵיי יָאר עֶנְדִיגְן 'כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּה'! אִין יְשִׁיבָה זֶענֶען גֶעוֶוען בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן אִין עֶטְלִיכֶע יָאר גֶעעֶנְדִיגְט דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה. מַאךְ זִיךְ אַ סֵדֶר, ווִיפִיל בְּלַאט בַּבְלִי אוּן ווִיפִיל בְּלַאט יְרוּשַׁלְמִי דוּ גֵייסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, אַזוֹי אוֹיךְ נְבִיאִים וּכְתוּבִים, אַלֶע מֶדְרָשִׁים, וְכוּ' וְכוּ'. דָאס קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער בַּאוַוייזְן, מֶען דַארְף נָאר ווִיסְן ווִי אַזוֹי דָאס צוּ מַאכְן, וָואס קוֹדֶם צוּ לֶערְנֶען אוּן וָואס נָאכְדֶעם צוּ לֶערְנֶען, אַז דוּ וֵוייסְט נִישְׁט אַלֵיינְס קֶענְסְטוּ פְרֶעגְן אֵיינֶעם וָואס וֵוייסְט יָא, אוּן עֶר וֶועט דִיר הֶעלְפְן.

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אַז דִי עֶרְשְׁטֶע שִׁיעוּר זָאל מֶען אָנְהֵייבְּן אִין מִשְׁנָיוֹת, מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט אַלְץ זָאגְן פַאר בָּחוּרִים: "נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן לֶערְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת, דִי מִשְׁנָיוֹת זָאלְסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן", נָאכְדֶעם הֵייבּ אָן 'תַּלְמוּד בַּבְלִי' אוּן אַזוֹי גֵיי וַוייטֶער בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה. אֵיי אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דָאךְ נִישְׁט וָואס אִיךְ לֶערְן? אָבֶּער מַיין נְשָׁמָה פַארְשְׁטֵייט, אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועל אִיךְ אַלֶעס פַארְשְׁטֵיין. אוֹיסֶער דֶעם זָאגְט דֶער רֶבִּי קְלָאר (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין, אַז מֶען זָאגְט אַסַאךְ דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה וֶועט מֶען מִיט דִי צַייט אַלֶעס אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין.

דָאס אִיז דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ, אוּן דָאס אִיז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס זַאךְ, מִיר זָאלְן לֶערְנֶען אַסַאךְ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן מִיט דֶעם וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, כִּי תִשָּׂא תשפ"ב)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### שׁוּשַׁן פּוּרִים

אִין דִי עֶרְשְׁטֶע יָאר וָואס רֶבִּי נָתָן אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן, אִיז עֶר גֶעפָארְן אוֹיף פּוּרִים צוּם רֶבִּי'ן מִיט גְרוֹיס מְסִירַת נֶפֶשׁ. דֶער רֶבִּי אִיז דַאן גֶעוֶוען אִין דִי שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, צוּ דִי חֲתוּנָּה פוּן זַיין טָאכְטֶער שָׂרָה ע"ה. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַ לַאנְגֶע אוּן שְׁוֶוערֶע וֶועג צוּ פָארְן, אוּן עֶר אִיז נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צַייטְלִיךְ קַיין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע. עֶר הָאט פַארְפַּאסְט דִי מְגִילָּה לֵיינֶען פוּן רֶבִּי'ן דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט.

בַּיינַאכְט וֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעטַאנְצְן אוּן זִיךְ גֶעפְרֵיידְט בַּיים רֶבִּי'ן, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "מַיין תַּלְמִיד יְהוֹשֻׁעַ - נָתָן, וָואלְט אוֹיךְ גֶעגְלוּסְט אוּן גֶעוָואלְט זִיךְ מִיטְפְרֵייעֶן דָא מִיט אַייךְ, עֶר וֶועט אָבֶּער פַארְעֶנְדִיגְן דִי שִׂמְחַת פּוּרִים אוּם שׁוּשַׁן פּוּרִים".

וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז שְׁפֶּעטֶער אָנְגֶעקוּמֶען אוּן עֶר הָאט גֶעקְרֶעכְצְט אַבִּיסְל פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז זַיין פּוּרִים

<<<<<<

## א גוט ווארט

דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אִין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת (מַעֲשֶׂה ב') אַז וֶוען דִי בַּת קֵיסָר אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְ'ן שִׁיף, אוּן מְ'הָאט זִיךְ דָארְט אָנְגֶעטְרוּנְקֶען, הָאט מֶען אִיר אָנְגֶעטְרָאגְן אַ שִׁידוּךְ. וֶוען דִי בַּת קֵיסָר הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט זִי גֶעזָאגְט: "סְ'וָואלְט זִיכֶער גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע זַאךְ, אִיךְ ווִיל אָבֶּער מְ'זָאל רֶעדְן פוּן דֶעם נִישְׁט מִיט קַיין אָנְגֶעטְרוּנְקֶען מוֹילֿ".

מְ'זֶעט אַז וֶוען סְ'קוּמְט דִי פְרֵיילִיכֶע טֶעג פוּן פּוּרִים, אִידְן וֶוערְן בְּגִלּוּפִין, דַאן קֶען מֶען הֶערְן פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם רֶעדְן מִיט זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, מְ'רֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מְ'פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען מְ'הֶערְט ווִי אַן אָנְגֶעטְרוּנְקֶענֶער אִיד רֶעדְט, קֶען מֶען מַמָּשׁ זֶען ווִי עֶר אִיז אֵיין שְׁטִיק אֱמוּנָה, עֶר לֶעבְּט מַמָּשׁ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ קֶען מֶען אוֹיךְ זֶען פֶּסַח בַּיינַאכְט, וֶוען מְ'טְרִינְקְט דִי פִיר כּוֹסוֹת, אַז יֶעדֶער טַאטֶע לֵייגְט אַרַיין אִין זַיינֶע קִינְדֶער אֱמוּנָה, מְ'לֶערְנְט אוֹיס דִי קִינְדֶער אַז אַזוֹי ווִי דִי אִידְן זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי זֶעלְבֶּע וֶועלְן מִיר אוֹיךְ נָאר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אַלֶע צָרוֹת, נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה, צוּ בֶּעטְן אוּן צוּ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אָבֶּער פַאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער: "סְ'וָואלְט זִיכֶער גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע זַאךְ, אִיךְ ווִיל אָבֶּער מְ'זָאל רֶעדְן פוּן דֶעם נִישְׁט מִיט קַיין אָנְגֶעטְרוּנְקֶען מוֹילֿ". דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל אַז אוֹיךְ נָאךְ פּוּרִים, אוֹיךְ נָאךְ פֶּסַח, סְתַּם אַזוֹי אִין אַ גְרִינֶעם דִינְסְטָאג, זָאל דֶער אִיד אוֹיךְ לֶעבְן נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִיסְן אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן אַז סֵיי וָואס מְ'דַארְף אִיז נָאר דָא אוֹיף דֶעם אֵיין עֵצָה - צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# בְּרֶענְג גֶעלְט פַאר דַיין וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ג' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ד' אָדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אִיז דִי הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב פּוּרִים, בֵּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיז פּוּרִים גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, עֶס אִיז גֶעוֶוען 'נִכְנַס יַיִן יָצָא סוֹד', מֶען הָאט גֶעזֶען דִי פְּנִימִיּוּת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, דִי דְּבֵיקוּת אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִין צַדִּיק. אֲפִילוּ דִי שְׁטִילֶע וָואס הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְבַּאהַאלְטְן אַ גַאנְץ יָאר, מֶען הָאט גָארְנִישְׁט גֶעזֶען, אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען בַּאהַאלְטְן, אָבֶּער פּוּרִים הָאט מֶען גֶעזֶען דִי הֵיילִיגְקֵייט אוּן דִי פְרֵיילִיכְקֵייט.

אִיךְ ווִיל דִיךְ מְעוֹרֵר זַיין אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ נִישְׁט אַהֵיים בְּרֶענְגֶען גֶעלְט פַאר דִי וַוייבּ פַאר צָרְכֵי חַיִּים, דוּ דַארְפְסְט בְּרֶענְגֶען גֶעלְט פַאר דַיין וַוייבּ, אוּן אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט - דַארְפְסְטוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט; נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ זָאגְן 'אִיךְ הָאבּ נִישְׁט', הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט, הָאסְט גֶעשְׁרִיבְּן אַ כְּתוּבָּה, "אֲנָא אֵיזַן וְאוֹקִיר וְאֶפְלַח לֵכִי" - בִּיסְטוּ מְחוּיָב צוּ בְּרֶענְגֶען גֶעלְט.

מֶען טָאר נִישְׁט מַאכְן חוֹבוֹת, אָבֶּער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט - טָאר מֶען נִישְׁט לָאזְן אַ וַוייבּ אִין שְׁטוּבּ אָן עֶסְן, אָן לֶעבְּנְס גֶעבְּרוֹיכְן. אַז דִי וַוייבּ ווִיל אִיבְּרִיגֶע זַאכְן, דֶעמָאלְט קֶען מֶען אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט אִיר אַז חוֹבוֹת אִיז אַ סַכָּנָה, חוֹבוֹת קֶען אַלֶעס חָרוּב מַאכְן, אָבֶּער אַז דִי וַוייבּ דַארְף בְּרוֹיט אוּן מִילְךְ פַאר דִי פִּיצְלֶעךְ, אָדֶער אַז מֶען שְׁפַּארְט אָפּ דִי הֵייצוּנְג אוּן דִי וַוייבּ בְּלַייבְּט אִין אַ פַארְפְרוֹירֶענֶע דִירָה; דָאס אִיז אַכְזָרִיּוּת.

גֵיי נָאךְ גֶעלְט, עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין בּוּשָׁה, אַ בּוּשָׁה אִיז דֶער וָואס בְּרֶענְגְט נִישְׁט אַהֵיים פַאר דִי וַוייבּ גֶעלְט פַאר בְּרוֹיט אוּן מִילְךְ אוּן צָרְכֵי חַיִּים, דָאס אִיז אַ בּוּשָׁה, אוּן זַיי זִיךְ מְקַבֵּל אַז דִי עֶרְשְׁטֶע אַרְבֶּעט וָואס מֶען רֶעדְט דִיר - זָאלְסְטוּ אָנְנֶעמֶען, אָן קֵיין חֶשְׁבּוֹנוֹת. מִיר דַארְפְן נִישְׁט מַאכְן קֵיין חֶשְׁבּוֹנוֹת, מִיר דַארְפְן טוּן. עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (דְּבָרִים טו, יח): "וּבֵרַכְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּכֹל אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה", זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (סִפְרֵי דְּבָרִים טו, קנח): "יָכוֹל יְהִי יוֹשֵׁב וּבָטֵל, תַּלְמוּד לוֹמַר 'בְּכָל אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה'"; דוּ טוּ, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט שִׁיקְן אַ בְּרָכָה.

גֵיי אִין פֶעלְד אוּן שְׁרֵיי אוּן וֵויין: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה, אִיךְ וֵוייס אַז עֶס קוּמְט מִיר דָאס אַלֶעס וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט, אָבֶּער אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה, נֶעם אָן מַיין תְּשׁוּבָה, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ קֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן אָן קֵיין פַּרְנָסָה".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּצַוֶּה תשפ"ה)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּפִלָּה

נו. צָרִיךְ לְהִתְפַּלֵּל בִּשְׁלוֹם הָעִיר, אֲשֶׁר אַתָּה דָּר בָּהּ. מֶען דַארְף מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר דִי שָׁלוֹם אוּן פְרִידְן פוּן דֶעם שְׁטָאט וואוּ מֶען וואוֹינְט.

נז. מִי שֶׁמִּתְפַּלֵּל בְּשִׂמְחָה, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְכַבֵּד אוֹתוֹ וּפוֹקֵד אֶת לוֹחֲצָיו. וֶוער עֶס דַאוֶוענְט פְרֵיילִיכֶערְהֵייט, אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים מְכַבֵּד, אוּן עֶר רֶעכְנְט זִיךְ אָפּ מִיט דִי וֶועלְכֶע טְשֶׁעפֶּען אִים.



אִיז אִים גֶעוֶוען צוּשְׁטֶערְט, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט גֶעהֶערִיג פְרֵייעֶן אוּם פּוּרִים, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "שׁוּשַׁן פּוּרִים אִיז אוֹיךְ פּוּרִים"...

פַארְוָואס אִיז שׁוּשַׁן פּוּרִים אַזוֹי גְרוֹיס? אוּם שׁוּשַׁן פּוּרִים לֵיינְט מֶען דִי מְגִילָּה אִין דִי שְׁטֶעט וָואס זֶענֶען אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט אַ מוֹיעֶר פוּן דִי צַייטְן פוּן יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן. יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן אִיז גֶעוֶוען דֶער תַּלְמִיד פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר דִי אִידְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט בַּאקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

רֶבִּי נָתָן אִיז מַסְבִּיר אִין לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת אַז אַמָאל אִיז דָא וָואס דֶער רֶבִּי אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אוּן הֵיילִיג אַז דִי תַּלְמִידִים קֶענֶען נִישְׁט אַזוֹיפִיל מְקַבֵּל זַיין פוּן אִים, עֶר אִיז צוּ הוֹיךְ פַאר זֵיי. דַאן קוּמְט אָבֶּער אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד אוּן עֶר נֶעמְט דִי לִימוּדִים פוּנֶעם רֶבִּי'ן אוּן עֶר גֶעבְּט עֶס אִיבֶּער פַאר אַנְדֶערֶע, אוּן דַאן קֶענֶען פִיל מֶער מֶענְטְשְׁן מְקַבֵּל זַיין פוּן דֶעם צַדִּיק.

וֶוען עֲמָלֵק אִיז גֶעקוּמֶען מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט דִי אִידְן, הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט זַיין תַּלְמִיד יְהוֹשֻׁעַ אַז עֶר זָאל גֵיין מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט עֲמָלֵק, אוּן יְהוֹשֻׁעַ הָאט טַאקֶע פַארְטְרִיבְּן דֶעם עֲמָלֵק אַזוֹי ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שְׁמוֹת י"ז, י"ג) "וַיַּחֲלֹשׁ יְהוֹשֻׁעַ אֶת עֲמָלֵק וְאֶת עַמּוֹ לְפִי חָרֶב". אוּן דָאס גֵייט אַזוֹי וַוייטֶער אָן אִין אַלֶע דוֹרוֹת. עֲמָלֵק אִיז דֶער יֵצֶר הָרַע אוּן דֶער סַמַּ"ךְ מֶ"ם וָואס קוּמְט מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט יֶעדְן אִידִישׁ קִינְד, עֶר ווִיל אִים נָאר אַוֶועקְנֶעמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן מֶען דַארְף הָאבְּן דֶעם גְרוֹיסְן תַּלְמִיד, אַזוֹי ווִי יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן, וָואס זָאל מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט דֶעם עֲמָלֵק, אַז עֶר זָאל אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר אִידְן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועגְן אוּן עֵצוֹת ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ קְרִיגְן מִיט עֲמָלֵק, ווִי אַזוֹי מֶען קֶען מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיטְ'ן יֵצֶר הָרַע, אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְפִירְן פוּן אִים.

אוּן דָאס אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען דֶער כֹּחַ פוּן רֶבִּי נָתָן וָואס עֶר הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי אַלֶע הֵיילִיגֶע עֵצוֹת אוּן לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן אוּן עֶר הָאט דָאס וַוייטֶער אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אַז מִיר זָאלְן דָאס אוֹיךְ קֶענֶען נוּצְן אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן שְׁטֶענְדִיג נָאר צוּ זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועקְפַאלְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף רֶבִּי נָתָן: "וֶוען נִישְׁט אִים וָואלְט נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן פוּן מִיר אֲפִילוּ אֵיין בְּלֶעטְל שֵׁמוֹת". מִיטְ'ן כֹּחַ פוּן רֶבִּי נָתָן קֶענֶען מִיר מְקַבֵּל זַיין דִי גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס לֶערְנְט אוּנְז אַ וֶועג אִין לֶעבְּן אוֹיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט.

דָאס אִיז דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּם שׁוּשַׁן פּוּרִים, מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ אוּן מִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט אוּנְז גֶעשִׁיקְט אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים מִיט זֵייעֶרֶע גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים אוּן דוּרְךְ זֵיי קֶענֶען מִיר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן שְׁטֶענְדִיג, אֲפִילוּ אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע צַייטְן.

## מָארְגְן מָארְגְן נָאר נִישְׁט הַיינְט

מִיר גֶעפִינֶען בַּיי דִי מִלְחָמָה פוּן עֲמָלֵק (שְׁמוֹת י"ז, ט') אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר יְהוֹשֻׁעַ: "צֵא הִלָּחֵם בַּעֲמָלֵק מָחָר" - גֵיי אַרוֹיס אוּן הַאלְט מִלְחָמָה מִיט עֲמָלֵק "מָארְגְן". דָאס אִיז דִי עֵצָה פוּן עֲמָלֵק, דִי עֵצָה פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, וָואס פְּרוּבִּירְט שְׁטֶענְדִיג אָפְּשְׁטוּפְּן זַאכְן אוֹיף מָארְגְן. "הַיינְט אִיז שׁוֹין סַיי ווִי נִישְׁט קַיין גוּטֶער טָאג, עֶס גֵייט דִיר נִישְׁט גוּט הַיינְט, מָארְגְן וֶועסְטוּ זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הַאנְט אַרַיין אוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין". אַ אִיד טָאר זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט לָאזְן פוּן עֲמָלֵק, מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן אַרַיינְצוּכַאפְּן "הַיינְט" ווִיפִיל מֶען קֶען. אֲפִילוּ דֶער טָאג אִיז שׁוֹין כִּמְעַט פַארְבֵּיי, דַארְף מֶען פְּרוּבִּירְן עֶפֶּעס אַרַיינְצוּכַאפְּן גוּטֶע זַאכְן, אַבִּיסְל תּוֹרָה, אַבִּיסְל תְּפִלָּה, אוּן אַבִּיסְל מִצְוֹת. כָּאטְשׁ ווִיפִיל מֶען קֶען נָאךְ. וַוייל טַאקֶע "הַיינְט" אִיז דֶער רִיכְטִיגֶער טָאג וָואס מֶען קֶען נָאנְט וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פַארְקֶערְט, מֶען דַארְף אַרוֹיסְכַאפְּן דִי גֶעוֶוער פוּן דִי הֶענְט פוּן דִי פַיינְט אוּן עֶס נוּצְן קֶעגְן זֵיי. וֶוען דֶער יֵצֶר הָרַע רֶעדְט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ עֲבֵירוֹת, צוּ טוּן זַאכְן קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן דַארְף מֶען אִים אָפְּשְׁטוּפְּן אוֹיף מָארְגְן... "הַיינְט ווִיל אִיךְ זַיין עֶרְלִיךְ אוּן וואוֹיל כָּאטְשׁ בִּיז בַּיינַאכְט, מָארְגְן וֶועלְן מִיר זֶען וַוייטֶער". אוּן אוֹיף דֶעם וֶועג קֶען מֶען זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן טַאקֶע מִיט דִי זֶעלְבֶּע עֵצָה. וַוייל אֵיינְמָאל מֶען שְׁטוּפְּט אָפּ אַ זַאךְ, וֶועט מֶען עֶס שׁוֹין נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל טוּן שְׁפֶּעטֶער.

מִיר גֶעפוּנֶען דָאס אִין דִי מְגִילָּה (אֶסְתֵּר ה, ד) וֶוען אֶסְתֵּר הָאט גֶעזָאגְט "יָ'בוֹא הַ'מֶּלֶךְ וְ'הָמָן הַ'יּוֹם". אִין דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי וֶוערְטֶער אִיז מְרוּמָז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען. אֶסְתֵּר הָאט דָא מְרַמֵּז גֶעוֶוען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפוּנְט זִיךְ בַּיים מֶענְטְשׁ "הַיּוֹם" - טַאקֶע הַיינְט. יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג קֶען מֶען נָאנְט וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ צוּ זָאגְן אַז דֶער טָאג אִיז נִישְׁט קַיין גוּטֶער טָאג, הַיינְט קֶען מֶען נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין.

וֶוען עֶס אִיז אָבֶּער גֶעקוּמֶען בַּיי דִי סְעוּדָה, אוּן אַחַשְׁוֵרוֹשׁ מִיט הָמָן הָאבְּן נָאר גֶעוָואלְט ווִיסְן וָואס אֶסְתֵּר ווִיל דָא מִיט דִי גַאנְצֶע סְעוּדָה, דַאן הָאט זִי גֶעזָאגְט "וּמָחָר אֶעֱשֶׂה כִּדְבַר הַמֶּלֶךְ" - זִי הָאט גֶענוּצְט דִי עֵצָה קֶעגְן זֵיי, "מָארְגְן" וֶועל אִיךְ עֶנְטְפֶערְן, מָארְגְן וֶועל אִיךְ זִיךְ צוּהֶערְן צוּ וָואס אִיר הָאט צוּ פַארְצֵיילְן. אוּן מִיט דֶעם הָאט זִי טַאקֶע אוּנְטֶער גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם הָמָן, מָארְגְן הָאט עֶר שׁוֹין גֶעהַאט זַיין מַפָּלָה, מֶען הָאט גֶעהָאנְגֶען הָמָן אוּן אַלֶע אִידְן זֶענֶען גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ. מִיט דֶעם וָואס שְׁטוּפְּט אָפּ דֶעם יֵצֶר הָרַע אוֹיף מָארְגְן, אוּן מָארְגְן שְׁטוּפְּט מֶען אִים אוֹיף אִיבֶּערְמָארְגְן, דָאס בְּרֶענְגְט זַיין גַאנְצֶע מַפָּלָה.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי חָכְמָה פוּן מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק אוּן אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן פוּן אַחַשְׁוֵרוֹשׁ (אֶסְתֵּר ט', י"ג) "יִנָּתֵן גַּם מָחָר לַיְּהוּדִים אֲשֶׁר בְּשׁוּשַׁן לַעֲשׂוֹת כְּדָת הַיּוֹם" - זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן אַז מָארְגְן זָאל מֶען טוּן אִין שׁוּשַׁן אוֹיךְ אַזוֹי ווִי הַיינְט. דָאס אִיז מְרַמֵּז אַז מָארְגְן וֶועל אִיךְ טוּן דִי זֶעלְבֶּע ווִי הַיינְט, אַזוֹי ווִי הַיינְט הָאבּ אִיךְ אָפְּגֶעשְׁטוּפְּט דֶעם יֵצֶר הָרַע אוֹיף מָארְגְן, דִי זֶעלְבֶּע וֶועל אִיךְ טוּן מָארְגְן אַז אִיךְ וֶועל אִים אָפְּשְׁטוּפְּן אוֹיף אִיבֶּערְמָארְגְן.

דָאס אִיז דִי כֹּחַ פוּן שׁוּשַׁן פּוּרִים וָואס לֶערְנְט אוּנְז אַז מִיר זָאלְן אָפְּשְׁטוּפְּן דֶעם יֵצֶר הָרַע אוֹיף מָארְגְן, אָבֶּער דִי תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת דָאס זָאלְן מִיר נִישְׁט אָפְּשְׁטוּפְּן, נָאר דָאס זָאלְן מִיר טוּן הַיינְט. מִיר זָאלְן אוֹיסְנוּצְן יֶעדְן טָאג ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מִיר זָאלְן אַרַיינְכַאפְּן יֶעדְן טָאג גוּטֶע זַאכְן, אוּן דַאן וֶוען מִיר מַצְלִיחַ זַיין אוּן הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ עַל יְמֵי הַפּוּרִים הַקְּדוֹשִׁים)

# לֶעבּנְסגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (קצו)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי קוּמְט אָן קֵיין זַאסְלַאב, מַמָּשׁ פַאר׳ן יוֹם טוֹב פֶּסַח.**

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וִוי שְׁוֶוער דָאס אִיז גֶעוֶוען, צוּ מְסַדֵר זַיין אוּן אָנְגְרֵייטְן אַלֶעס אִין אֵיין טָאג, צוּ דִינְגֶען אַ דִירָה אוּן אָנְגְרֵייטְן דֶעם גַאנְצְן פֶּסַח. ר׳ שְׁמוּאֵל הָאט גֶעטְרַאכְט וִוי אַזוֹי עֶר וֶועט דָאס קֶענֶען אוֹיסְפִירְן, עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אַז עֶס מַמָּשׁ נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ טוּן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעזָארְגְט וָואס וֶועט זַיין מִיטְ׳ן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוֹיף פֶּסַח, אָבֶער דֶער רֶבִּי אַלֵיין אִיז וַוייטֶער אָנְגֶעגַאנְגֶען מִיט זַיין הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה, עֶר הָאט גֶעטוּן דָאס זַיינִיגֶע מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, עֶר הָאט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען אוּן גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצְן טָאג, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה אוּן מְחַדֵשׁ גֶעוֶוען חִידוּשִׁים, דִי זֶעלְבֶּע וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן דִי גַאנְצֶע צַייט וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אוֹיף דִי נְסִיעָה.

אִין דִי צַייט וָואס ר׳ שְׁמוּאֵל אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פַארְ׳דַאֲגָה׳ט אוּן בַּאזָארְגְט וָואס וֶועט זַיין מִיטְ׳ן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוֹיף פֶּסַח, וַוייל פַּאקְטִישׁ אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ גֶעוֶוען צוּצוּשְׁטֶעלְן דֶעם פֶּסַח אִין דִי קוּרְצֶע צַייט, הָאט אָבֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף זֵיי אוּן עֶר הָאט אַרַיינְגֶעגֶעבְּן שֵׂכֶל פַאר אֵיינֶע פוּן דִי נְגִידִים אִין שְׁטָאט זַאסְלַאב, אוּן יֶענֶער הָאט אַרַיינְגֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּי׳ן מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה צוּ זִיךְ אַהֵיים, אוּן עֶר הָאט זֵיי אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן זַיין גַאנְצֶע הוֹיז בְּכָבוֹד גָדוֹל.

צוּם עֶרְשְׁט וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִיז עֶר קוֹדֶם אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּ אַן אַלְטֶע צֶעבְּרָאכֶענֶע דִירָה וָואס מֶען הָאט דָארְט גֶעדִינְגֶען, וַוייל פַאר פֶּסַח הָאט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן אַ נָארְמַאלֶע דִירָה, אוּן מֶען הָאט נָאךְ אוֹיךְ גֶעדַארְפְט פַארְרֶעכְטְן דָארְט דֶעם דַאךְ וָואס אִיז גֶעוֶוען צֶעבְּרָאכְן, אוּן דָאס אַלֶעס הָאט מֶען גֶעדַארְפְט טוּן אִינְמִיטְן אַלֶע טִירְדוֹת אָנְקוּמֶענְדִיג פַאר פֶּסַח צוּ אַ פְרֶעמְדֶע שְׁטָאט.

דֶער רֶבִּי הָאט מִיטְגֶעמַאכְט בֵּיי דִי נְסִיעָה גָאר שְׁרֶעקְלִיכֶע יִסוּרִים אוּן שְׁוֶועריִקְייטְן, אוּן לְמַעֲשֶׂה וֵוייסְט קֵיינֶער נִישְׁט דִי כַּוָונָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן מִיט דִי גַאנְצֶע נְסִיעָה.

**תרסה**

**חוֹל הַמוֹעֵד פֶּסַח** הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט צוּ ר׳ שְׁמוּאֵל טֶעפְּלִיקֶער, ״אִיךְ זָאג דִיר דָאס אַז דוּ זָאלְסְט וִויסְן אַז אִיךְ וֵוייס וָואס עֶס גֵייט זַיין שְׁפֶּעטֶער; עֶס זֶענֶען דָא דְרֵיי זַאכְן, צְוֵויי זֶענֶען אֵיינְס, אוּן אֵיינְס אִיז אֵיינְס, [דָאס מֵיינְט אַז צְוֵויי פוּן דִי דְרֵיי זַאכְן זֶענֶען אֵיינְס, אוּן דִי דְרִיטֶע בְּלַייבְּט אֵיינְס פַאר זִיךְ], אוּן וֶוען עֶס וֶועט זַיין דִי צְוֵויי זַאכְן, וֶועט נִישְׁט זַיין דִי אֵיינְס, אוּן וֶוען עֶס וֶועט זַיין דִי אֵיין זַאךְ, וֶועט נִישְׁט זַיין דִי צְוֵויי״, אוּן עֶר הָאט צוּגֶעלֵייגְט, ״אִיךְ וִויל עֶנְדֶערְשׁ וְכוּ׳״. עֶס אִיז פַארְגֶעסְן גֶעוָוארְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, צִי עֶר וִויל מֶער עֶס זָאל זַיין דִי צְוֵויי זַאכְן, אָדֶער עֶנְדֶערְשׁ עֶס זָאל זַיין דִי אֵיין זַאךְ.

**תרסו**

**זוּנְטָאג, ב׳ אִיָיר,** הָאט דֶער רֶבִּי בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּן זַיין אֵיידֶעם ר׳ יוֹסְקֶע אוּן זַיין טָאכְטֶער אָדְל.

**תרסז**

**דָאנֶערְשְׁטָאג, ו׳ אִיָיר,** הָאט דֶער רֶבִּי צוּרִיק גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו צוּ זַיין אֵיידֶעם ר׳ יוֹסְקֶע אוּן זַיין טָאכְטֶער אָדְל.

אִינֶעם בְּרִיוו שְׁרַייבְּט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַזוֹי:

**בְּעֶזְרַת ה׳, יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר תקס״ז זַאסְלַאב.**

**לְיַד אֲהוּבִי חֲתָנִי הָרַבָּנִי הַנָּגִיד מוֹרֵינוּ הָרַב יוֹשֻׁעַ נֵרוֹ יָאִיר וְיוֹפִיעַ, עִם שְׁלוֹם זוּגָתוֹ, הִיא בִּתִּי הַצְנוּעָה וְהַחַכְמָנִית מָרַת אָדְל שֶׁתִּחְיֶה**

<<<<<<

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# אוֹיסְהֶערְן אַ מַשְׁפִּיעַ אָן בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,**

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַפָּאר וָואכְן צוּרִיק בֵּיי אַ שִׁיעוּר אַז מֶען זָאל נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן אַ מַשְׁפִּיעַ וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת.

וָואס טוּ אִיךְ אָבֶער אַז אִיךְ קֶען אַ סְפַרְדִ׳ישֶׁער מַשְׁפִּיעַ וָואס עֶר רֶעדְט זֵייעֶר גוּט, אוּן אִיךְ הָאבּ חִיזוּק פוּן אִים? בֵּיי זֵיי גֵייט מֶען דָאךְ אַזוֹי; וָואס טוּ אִיךְ, אִיךְ מֶעג אָדֶער נִישְׁט?

וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט מִיר זָאגְן, דָאס וֶועל אִיךְ טוּן, אָן קֵיין חָכְמוֹת.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

ד׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ״ט שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס מֵיינְסְטוּ צוּ זָאגְן אַז בֵּיי זֵיי גֵייט מֶען אַזוֹי, אָן בָּארְד אָן פֵּיאוֹת? בֵּיי דִי סְפַרְדִים גֵייט מֶען אָן בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת? וָואס רֶעדְטְסְטוּ?! בִּיז אַפָּאר יָאר צוּרִיק אִיז בִּכְלָל נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא זַאךְ אַ סְפַרְדִ׳ישֶׁער אִיד זָאל אָנְרִירְן בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, דִי טַייעֶרֶע סְפַרְדִ׳ישֶׁע אִידְן הָאבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעווּאוּסְט פוּן זִיךְ שְׁנֵיידְן בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, דָאס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן בֵּיי אַשְׁכְּנַזִים, וֶוען דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע הַשְׂכָּלָה הָאט דָאס אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט, בֵּיי דִי סְפַרְדִ׳ישֶׁע אִידְן הָאט מֶען גֶערוּפְן דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת דִי סִימָנִים פוּן אַ אִיד.

גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן אוֹיסְהֶערְן תּוֹרָה הַשְׁקָפָה וְכוּ׳ פוּן אֵיינֶעם וָואס נֶעמְט אַרָאפּ דִי בָּארְד, בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת אִיז דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט. מוֹהֲרַנַ״ת שְׁרַייבְּט פֵייעֶר, (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת גִּילּוּחַ הֲלָכָה ג׳, אוֹת ב): ״עִקַּר הַדָּת יִשְׂרָאֵל וְעִקַּר הַיַּהֲדוּת תָּלוּי בְּזָקָן וּפֵאוֹת״, דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת אִיז אַן עִיקָר פוּן אַ אִיד אוּן פוּן דָאס גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט, ״וּבָהֶם נִכָּר הַיְּהוּדִי כִּי הוּא מִזֶּרַע בֵּרַךְ ה׳, מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל״, אוּן מֶען דֶערְקֶענְט אַ אִיד דוּרְךְ זַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת אַז עֶר אִיז אַ אִידִישׁ קִינְד, ״וּמִי שֶׁרוּחַ אַחֶרֶת עִמּוֹ, חַס וְשָׁלוֹם, וְרוֹצֶה לְכַפֵּר, חַס וְשָׁלוֹם, בֶּאֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל״, אוּן וֶוער עֶס וִויל חַס וְשָׁלוֹם לֵייקֶענֶען אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״תְּחִלַּת הַכְּפִירָה הוּא, שֶׁמַּשְׁלִיךְ חַס וְשָׁלוֹם מֵעָלָיו הַזָּקָן וְהַפֵּאוֹת״, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס עֶר טוּט - אַז עֶר נֶעמְט אַרָאפּ זַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, ״כִּי בֶּאֱמֶת כָּל דַּת יִשְׂרָאֵל הַקָּדוֹשׁ הוּא תָּלוּי בְּזָקָן וּפֵאוֹת״, וַוייל דָאס גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִינֶעם בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת; קוּק נָאךְ דָארְט מֶער בַּאֲרִיכוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּרוּמָה תשפ״ה)

## שְׁמוּעֶסְן אוּן גֶעדַאנְקֶען

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַ קְבִיעוּתְ׳דִיגֶע שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג ״עֵין יַעֲקֹב״, אוֹיסֶער זַיין טֶעגְלִיכֶע שִׁיעוּר וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אִין גְמָרָא. עֶר הָאט גֶעזָאגְט, ״דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיךְ אַסַאךְ גֶעלֶערְנְט עֵין יַעֲקֹב״. רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זי״ע הָאט גֶעזָאגְט, ״רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אוֹיסְגֶעבֶּעטֶענֶע שִׁיעוּרִים״, דָאס הֵייסְט אַז עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדְן שִׁיעוּר וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין עֶס צוּ לֶערְנֶען. דִי אַלֶע בַּאשְׁטִימְטֶע שִׁיעוּרִים וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט טָאג טֶעגְלִיךְ, אִיז יֶעדֶע אֵיינְס פוּן זֵיי גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעבֶּעטְן מִיט אַסַאךְ תְּפִלָּה.

אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכָה, דֶערִיבֶּער הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעהַאט דְרַייצְן טֶעגְלִיכֶע שִׁיעוּרִים אִין הֲלָכָה. עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שִׁיעוּר אִין רַמְבַּ״ם, אִין טוּר, אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אוּן בַּאזוּנְדֶערֶע שִׁיעוּרִים אִין רִי״ף אוּן רֹא״שׁ וְכוּ׳, בִּיז עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט אַ טֶעגְלִיכֶע שִׁיעוּר אִין חַיֵּי אָדָם. דָאס אִיז גֶעוֶוען אִין גֶעוֶוענְלִיכֶע טֶעג וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אִינְדֶערְהֵיים, וֶוען עֶר אִיז אָבֶער גֶעפָארְן אוּנְטֶערְוֶועגְנְס הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט דִי אַלֶע שִׁיעוּרִים, עֶר הָאט נָאר אַסַאךְ גֶעלֶערְנְט אִינֶעם גְרוֹיסְן שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט דִי מָגִינִים. (אִמְרֵי מוֹהֲרָא״שׁ, חֵלֶק א׳, סִימָנִים נ״א-נ״ג)

אָמֵן.

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אֵייעֶר בְּרִיוו פוּן זוּנְטָאג פַּרְשַׁת אֱמוֹר, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען דִי הוּנְדֶערְט רוּבְּל, אוּן אִיךְ ווִיל אַייךְ לָאזְן ווִיסְן אַז יֶעצְט גֶעפוּן אִיךְ זִיךְ אִין קְהִלַּת קוֹדֶשׁ זַאסְלַאב, דִי מַצָּב פוּן דַיין שְׁווִיגֶער הָאט זִיךְ שְׁטַארְק גֶעטוֹישְׁט.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ לָאזְן ווִיסְן אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט קוּמֶען צוּ אַייךְ אוֹיף שָׁבוּעוֹת, נָאר אִיךְ וֶועל בְּלַייבְּן דָא אִין קְהִלַּת קוֹדֶשׁ זַאסְלַאב.

אוּן מֶער גָארְנִישְׁט, נָאר לֶעבְּן אוּן פְרִידְן, פוּן מִיר דַיין שְׁוֶוער וָואס הָאט דִיר זֵייעֶר לִיבּ, אוּן ווִיל נָאר דַיין גוּטְס אַלֶעמָאל.

נַחְמָן בֶּן מוֹרֵינוּ הָרַב שִׂמְחָה יצ"ו

אִיךְ ווִיל אַייךְ צוּ ווִיסְן טוּן אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט עוֹסֵק אִין רְפוּאוֹת, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן, אוּן עֶר הָאט מִיר נִישְׁט פַארְלָאזְט.

נַחְמָן הַנַּ"ל

לָאז גְרִיסְן מַיין יְדִיד מוֹרֵינוּ הָרַב מֹשֶׁה בְּהָרַב, מִיט זֵייעֶר שָׁכֵן מַיין יְדִיד הָרַב יִשְׂרָאֵל, מִיט זַיין שׁוּתָּף מַיין יְדִיד מוֹרֵינוּ הָרַב מֹשֶׁה בֶּן הֶענְיֶ'. אוּן דָאס וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן צוּ פְּרֶעגְן אוֹיבּ עֶר זָאל עוֹסֵק זַיין אִין רְפוּאוֹת, אִיךְ בִּין נִישְׁט אַזוֹי קְלָאר יֶעצְט, אוּן אִיךְ וֵוייס אִים נִישְׁט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן.

נַחְמָן הַנַּ"ל

לָאזְט גְרִיסְן פַאר אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

נַחְמָן הַנַּ"ל

וֶוען אִיר שִׁיקְט מִיר אַ בְּרִיוו, זָאלְט אִיר עֶס שִׁיקְן צוּ קְהִלַּת קוֹדֶשׁ זַאסְלַאב, צוּם הוֹיז פוּנֶעם רָב פוּן דִי שְׁנַיידֶערְס, אַזוֹי ווִי עֶס אִיז אָנְגֶעצֵייכְנְט אִינֶעם לִיסְטֶע וָואס לִיגְט אִינֶעם בְּרִיוו.

מַיין וַוייבּ מָרַת סָאסְיֶע, אוֹיךְ מַיין טָאכְטֶער מָרַת מִרְיָם תִּחְיֶ', לָאזְן אַייךְ אַלֶע גְרִיסְן.

אִיךְ בֶּעט בֵּיי מַיין לִיבֶּער אֵיידֶעם אַז עֶר זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא אוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ. זָאלְסְט נִישְׁט מַאכְן חַס וְשָׁלוֹם פוּנֶעם טָפֵל אַן עִיקָר, רַק אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא וְכוּ', כִּי זֶה כָּל הָאָדָם, נָאר מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן הִיטְן זַיינֶע מִצְווֹת, וַוייל דָאס אִיז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ.

נַחְמָן הַנַּ"ל

מַיין יְדִיד הָרַבָּנִי מוֹרֵינוּ הָרַב שְׁמוּאֵל, לָאזְט אַייךְ אַלֶע גְרִיסְן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה
גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

# נייעס אינעראלב מוסדותינו הק'

# פורים - דעם רבינ'ס יום טוב

דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט אין א בריוו די וואך: עס קומט שוין פורים, אנשי שלומינו רופן אן דעם יום טוב פורים: "דעם רבינ'ס יום טוב", ווייל דער רבי איז לוחם מיט קליפת המן און עמלק, וואס זענען מכשיל אידישע קינדער אין פגם הברית רחמנא לצלן, און דער רבי מיט זיינע עצות איז לוחם מיט זיי; דער רבי בלאזט אריין אין אונז פרייליכקייט און האפענונג, מיר זאלן זיך נישט מייאש זיין, מיר זאלן נישט אפלאזן דאס ווילן, און דאס בענקען צום אייבערשטן.

ווען עס קומט דער הייליגער יום טוב פורים, קען מען זוכה זיין צו זייער הייליגע זאכן, בטל ווערן צום אייבערשטן, נישט האבן קיין קשיות אויף די אמונה. וויסן און גלייבן אז אלעס וואס דער אייבערשטער טוט - איז גוט. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (מגילה ז:): "חייב איניש לבסומי בפוריא, עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי", עס איז א חיוב צו טרינקען ווין פורים, מען זאל צוקומען צו די הויכע מדריגה פון 'עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי'; צדיקים זאגן, וואס זאגט די גמרא די לשון מען זאל טרינקען אזויפיל 'עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי'? נאר דאס מיינט מען נישט מען זאל ווערן טויט שיכור, דאס מיינט מען אז פורים קען מען זוכה זיין צוצוקומען צו די מדריגה פון עולם הבא, וואס וועט זיין כולו הטוב והמטיב, וואס דער הייליגער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן חלק א', סימן ד): "כשאדם יודע", ווען א מענטש ווייסט, "שכל מארעותיו" אז אלעס וואס פאסירט מיט אים, "הם לטובתו" איז פאר זיין טובה - "זאת הבחינה היא מעין עולם הבא" דאס איז עולם הבא, דאס איז גן עדן.

טייערער ברודער, נעם אפאר מינוט, גיי אין א זייט, גיי א שפאציר, אדער אין דיין קאר, פארלעש דיין טעלעפאן, פלאג זיך אויס פון די וועלט, שאלטער זיך אויס פון אלעס, און רעד אפאר ווערטער צום אייבערשטן; בעט אים: **"הייליגער באשעפער איך וויל האבן א שטארקע אמונה, איך וויל דיך שפירן, איך וויל דיך זען, איך וויל שטענדיג געדענקען פון דיר, אז דו טוסט אלעס, דו ביסט אלעס און דו מאכסט אלעס".**

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יעקב יאקאבאוויטש** הי"ו קרית ברסלב
מלמד מומחה אין אונזערע הייליגע מוסדות
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**
***
מו"ה **מרדכי אהרן היילפרין** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**
***
מו"ה **יוסי יאקאבאוויטש** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**
***
מו"ה **שמחה סאלז** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**
***
מו"ה **נפתלי הערש פארקאש** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**
***
מו"ה **משה איינהארן** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**
***
מו"ה **יודל טירנויער** הי"ו קרית ברסלב
**צו די שמחת החתונה פון זיין זון למזל טוב**
החתן **שלום טירנויער** הי"ו עב"ג
***
מו"ה **מרדכי יאקאבאוויטש** הי"ו בית שמש
**צו די אפשערן פון זיין זון נחמן דוד למזל טוב**
***
מו"ה **יעקב לעזער** שליט"א **וזוגתו** תחי'
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

די חשובע **מרת לעזער תחי'**, די געטרייע **מנהלת פון בית פיגא ברסלב**, איז די רוקן-ביין פון די ברסלב'ע סקול, זי איז גאר שטארק איבערגעגעבן פאר די סקול, זיך אפגעבנדיג מיט יעדן קינד באזונדער מצליח צו זיין אויפ'ן שענסטן און בעסטן אופן. דער אייבערשטער זאל העלפן אז די גרויסע זכותים זאלן זיי ביישטיין צו זען פיל אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער געזונטערהייט

## כולל היכל הקודש

**א הארציגן דאנק לידידינו היקרים**
מו"ה **הלל ווייס** הי"ו
און מו"ה **אייזיק ראטה** הי"ו
פאר'ן מנדב זיין
**פרנס החודש - חודש אדר**
**און דערמיט זוכה געווען צו נעמען א חלק אין די לימוד התורה פון די לומדי הכולל בזכות דעם זאלט איר געבענטשט ווערן מיט אלעס גוטס**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו
**718-387-2691**
**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

## שואלין ודורשין

**שיעורי התחזקות, שיעורי תורה, שיעורי הלכה, הגדה, מעשיות פאר קינדער, זיך צוצוגרייטן צום הייליגן יום טוב פסח**
**קול ברסלב**
**212-444-9191**
**1, 1, 9, 6**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >